STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01329

POLITISHE FERBREKHER UN SOTSYAL DEMOKRATIYE

August Bebel

Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „צייט ביבליאטעק".

№ 2.

א. בעבעל.

פאליטישע פערברעכער

און סאציאל-דעמאקראטיע

איבערזעצט פון

א. ד. פינקעל.

ווארשא, תרס"ה.
דרוק „הצפירה", מאריאנסקא 2.

ПОКУШЕНІЯ
и
Соціалъ-демократія

А. БЕБЕЛЯ.

Переводъ съ русскаго.

ВАРШАВА, 1905.
Типографія „Гацефира", Маріанская 2.

Дозволено Цензурою
Вильна, 18 Августа 1905 г

גנעדיגע דאמען און הערען! א גרויסער טהייל פון דער דייטשער בור־זשואזיע, דאס הייסט: די בעל־הבתים־קלאססע, האט נאך ניט פערגעסען דאס געזעץ, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען געגען די סאציאליסטען! יענע בעלי־בתים האבען גרויס צער און קרענקונג ד׳רפון, וואס דאס געזעץ איז בטל געווארען, און זיי ארבייטען מיט אלע כוחות, צו געפינען געגען די סאציאליסטען עפעס א ניי שטרענג געזעץ, אדער איבערמאכען אויף שלעכט די געזעצע, וואס עקזיסטירען שוין פון לאנג. די גרעסטע שטיצע פאר דיעזער בעלי־בתישער קלאססע איז געווען פירסט ביסמארק. ער האט ביז אין טוידט אריין געהאסט די סאציאל־דעמאקראטען, ווייל זיי זענען איהם שטענדיג געשטאנען וויא א ביין אין האלז אין פארלאמענט, און א טהייל פון זיין אבזאגען זיך פון זיין הויכער שטעלע איז געווען טאקי צוליעב זיי. אין ביסמארקס געליבטע צייטונג „האמבורגער נאכריכטען" האט ער ניט איינמאל געזאגט: „אז געגען די סאציאל־דעמאקראטען איז ניטא קיין אנדער מיטעל, נור ארויסצופיהרען זייערע אנפיהרערס עפענטליך אויפ׳ן פלאץ און אויסשיסען זיי איינציגווייז". עס איז א פערגעניגען צו זעהען ווי אפפענהערציג אונזערע געגנער זענען!

זומער 1894 האט קאזעריא געהרג׳ט דעם פראנצעזישען פרעזידענט קארנא אין ליאן. דאכט זיך אין פלוג, וואס פאר א שייכות האט צו דייטשלאנד א ערגעץ אין א׳נ׳אנדער לאנד? דייטש־בירגער נ׳אטענטאט [1], וואס איז געשעהען ערגעץ אין א׳נ׳אנדער לאנד? עס איז גאר קיינעם ניט איינגעהאבען ניט געהאט אין דעם קיין שום נגיעה, אין פונדעסטוועגען, איז דער פאללען אפילו עפעס צו טראכטען וועגען דעם. אין פונדעסטוועגען, איז דער פאקט אליין, וואס איינער פון די אויסלענדישע אנארכיסטען האט געמאכט ערגעץ א פערברעך, גענוג געווען אויפצוהעצען דאס דייטשע פאלק געגען א קליין ביסעל דייטשע אנארכיסטען און איבערהויפט געגען דער פערהאסטער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

דאמאל׳ס האט איינער פון די רעדעלפיהרערס זיך אויסגעדריקט מיט אזא נוסח: „עס איז שוין צייט צו מאכען איין מאל פאר אללע מאל א׳נ׳עק מיט דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי". און אין סעפטעמבער יענעם יאהר האבען די נאציאנאל־ליבעראלען, אויף זייערע אסיפה ביי פערשלאסענע טירען, בעשלאסען צו בעטען די רעגירונג, ארויס צוטרעטען געגען די סאציאל־דעמא־

---

1) פאליטישער מארד.

קראַטען מיט אַ נייעם געזעץ, אָדער דורך איבעראַבייטען די אַלטע געזעצע. זייער פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען.

קאַפּריווי'ס מיינונג, אַז יעדעס געזעץ געגען די סאָציאַליסטען וועט ברענגען מעהר שאָדען ווי נוצען, האָט ניט וועניג צוגעהאָלפען. ער זאָל אַראָב פון זיין שטעלע, חאָטש די אייגענע ווערטער האָט געזאָגט דער קייזער אַליין אין 1890 יאָהר. אַז קאַפּריווי איז אַראָב, איז פירסט האָהענלאָהע ארויסגעטרעטען אין רייכסטאַג מיט זיין בעוואוסטען פּראָיעקט געגען די „מַזִיקִים". מיר האָבען אַפילו אַללע מעגליכקייטען געטהון, אָבצוהאַלטען דאָס בעשטעטיגען פון יענעם פּראָיעקט, אָבער דער צענטרום [1] האָט זיך שטאַרק איינגעעקשנ'ט איינצופיהרען די נייע חומרות און גְזֵרות, וועלכע זענען בעשטימט געוועזען, אָבצוהאַקען ביי די גייסטיגע פיהרער פון דער שעדליכער בעוועגונג די פליגעל, דאָס הייסט: די ליבעראַלע פּראָפעסאָרען מיט זייערע אַפּיקורסישע געדאַנקען. פאַנאַטישע חסידים פון פּאַפּסט מיט דער קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָבען זיך צוזאַמען אַנעהם געטהון עוקר מִן הַשֹרֶש צו זיין דיא אַפּיקורסים און פריידענקער, אונ האָבען שוין אַפילו די זאַך געהאַט איבערגעגעבען אין אַ בעזונדערע קאָמיסע, וואָס האָט צום רעגירונגספּראָיעקט צוגעגעבען נאָך אייניגע פונקטען, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט קעגען דער פרייער וויסענשאַפט, אָבער גראַדע אָט דער צוגאָב האָט געהאָלפען, מְבַטֵל צו זיין דעם גאַנצען פּראָיעקט. די דייטשע געלעהרטע וועלט: פּראָפעסאָרען, קינסטלער און אַפילו בורזשואַזיע, פרייגעזינענע בעלי־בתים, זענען אַרויסגעטראָטען מיט קולות און געשרייען געגען אַזעלכע פינסטערע געדאַנקען, און האָבען געצוואונגען די רעגירונג, זי זאָל זיך פון איהר פּראָיעקט אָבזאָגען.

אָבער דער ווילען צו פערניכטען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז געבליבען. אַז ס'איז געשעהן די רציחה אין זשענעווע [2] אין סעפּטעמבער דיעזעס יאָהר, האָבען שוין אונזערע געגנער געמיינט, זיי האָבען אונז שוין מנצח געוועזען. אייניגע טעג נאָך דער מערדעריי—וואָס האָט אַ שרעקליכען רושם געמאַכט אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט—האָבען די פאָרשטעהר פון דער דייטשער אינדוסטריע־און האַנדעלסוועלט געשיקט צום קייזער אַ טעלעגראַמע, מיט דער פאָרדערונג, צו בעשטעטיגען נייע אויסשליסליכע געזעצע. די טעלעגראַמע איז געווען געשריבען מיט אַזאַ נוסח:

„דער שרעקליכער מאָרד וואָס די עסטרייכישע קייזערין איז פון איהם פאַר אַ קרבן געפאַלען, איז אַ נייער בעוויז, וואָס פאַר אַ צוועק דער אַנאַרחיזמוס האָט, און מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ער בענוצט זיך, כדי צו גרייכען צו זיין ציעל. אונטער דעם שרעקליכען איינדרוק פעראייניגען מיר זיך מיט אייערער קייזערליכער מאַיעסטעט אין דעם חוב, וואָס אויף אונז אַללעמען ליגט,

---

[1] קלעריקאַלע פּאַרטיי.

[2] דאָס טוידטען די עסטרייכישע קייזערין.

צו שטערען מיט אַללע מיטעלען און שטרענגע געזעצען די פערברעכערישע פלענער פון יענער באַנדע, וואָס וויל פערניכטען אונזערע רעליגיע, אונזערע פאַמיליע. מיר אונטערשרייבענע, פאָרשטעהער פון דער דייטשען אינדוסטריע און האַנדעל, ערלויבען אונז, מודיע צו זיין אייערער קייזערליכער מאַיעסטעט, אַז אין דעם שטרייט מיט די גאָטטלאָזע פיינד פון אונזער רעגירונגס־ און זיטטען־אָרדנונג, וועלען מיר אייך תמיד טריי בלייבען, מיר וועלען אונטערשטיצען אַללע מיטלען און אַללע געזעצע, וואָס איהר וועט געפינען פאַר נויטיג כדי אויסצוואָרצלען די בייזע געדאַנקען פון די רְשָׁעִים און צו ערהאַלטען אייערע קייזערליכע מאַכט".

אויף דער טעלעגראַמע זענען אונטערגעשריבען: דער צענטראַלבונד דער דייטשען אינדוסטריע, דער בונד פון די דייטשישע אייזענפאַבריקאַנטען, דער בונד פון דייטשישע בערג־אינדוסטריע א. ז. וו. די פאָרשטעהער פאַן גאָסלער, סערוועס, לויג, יענקע.

דאָס זענען די 4 פאָרשטעהער פון דער דייטשער גרויסער און מעכטיגער בורזשואַזיע, וועלכע שטעהט אַן דער שפּיץ פון דער „געגענ־אַרבייטער בעוועגונג". ס'איז יענע הערען שטעלען זיך אַרויס פאַר רעגיליאָנס־פערטיידיגער. וואָס פאַר אַ רעליגיע קענט איהר וויסען, טאָמער ווער ס'זאָל לאַכען. נימאָ ווער ס'זאָל לאַכען. טאָמער קענט איהר וויסען, וואָס פאַר אַ רעליגיע יענע הערען האָבען? איך מיין, איך וועל זיך ניט שטאַרק טועה זיין, אַז איך וועל זאָגען: זיי גלויבען אַזוי פיל ווי פיל איך, דאָס הייסט: זיי גלויבען גאָר־נישט! (אַ לעבהאַפטע הַסְכָּמָה). אַזוי איז אַמאָל געזאָגט געוואָרען אין אַ גאַנץ הויכען אָרט אָבער.... „פאַר'ן פאָלק איז נויטיג אַ רעליגיע", די פערפאַסער פון יענער טעלעגראַמע געהערען ניט צום פאָלק (לעבהאַפטע הסכמה). מיר בעטראַכטען די רעליגיע נאָר פאַר אַ מיטעל, וואָס מען בענוצט זיך דערמיט כדי צו האַלטען די מאַסע אין מוראָ און אונטערטעניגקייט (געלעכטער).

און וואָס זאָגט איהר צו זייער פאַטערלאַנדס־ליבע, מיט וועלכער זיי שטאָלצירען אַזוי אין דער טעלעגראַמע? איז דען גאָסלער, דער גרעסטער פאָרשטעהר פון דער דייטשען שפּיננערייע־אינדוסטריע, ניט אַרויסגעטרעטען אין 1871 יאָהר געגען דאָס צונעהמען עלזאַס און לאָטרינגען פון פראַנקרייך, ווייל ער האָט מוראָ געהאַט פאַר דער קאָנקורענציע פון דער עלזאַסער שפּינ־נערייע־פאַבריקאַנט? ביי יענער געלעגענהייט האָט איהם געפאַסט מסכים זיין צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָבער גאָר צוליעב אַנדערע צוועקען און טְעָמִים. און דאָס איז דאָך גוט בעקאַנט, אַז די סאָציאַליסטען און דעמאָקראַטען, וואָס זענען געווען געגען דאָס צונעהמען עלזאַס־לאָטהרינגען, האָט מען דאַמאָלס געהאַלטען פאַר מורדים און לאַנד פעררעטער. און גלייכצייטיג מיט זיי, מיט די סאָציאַליסטען, האָבען זיך אַרויסגעשטעלט געגען דאָס צונעמען אויך גאָסלער און אַנדערע פאָרשטעהר פון דער שפּיננערייע־אינדוסטריע. אַלזאָ ליגט זייער פאַטערלאַנדס־ליבע אין געלד־זעקליך (געלעכטער). די אַללע שענע פערזיכע־

רונגען—זענען נאָר פּוסטע פּראַזען; זייער צוועק איז נור צו בעשטעטיגען די פּאָליטישע שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט פון דער אַרבייטער־קלאַססע, עס זאָל איהר אונמעגליך זיין, ווייטער צו שטרייטען מיט די פאַבריקאַנטען און אונטער־נעהמערס (שטאַרקע קולות: בראַוואָ!) דאָס איז דער סוד פון דער טעלע־גראַמע.

אַזוי האָבען זיי געוואָלט מאַכען אויך אין יאָהר 1878, אויך דאַלמאָלס האָבען זיי געוואָלט פּאַראַלאַזירען און אָבשוואַכען אַללע כחות פון דער אַרבייטער־קלאַסע, אַרויסטרעטענדיג געגען איהר מיט דעם זעלבען נוסח. זעהר גוט האָט זיך אויעגעדריקט דאַריבער די צייטונג פון דעם הויף־גלח שטעקקער (געלעבטער), וועלכער האָט געשריבען וועגען דער טעלעגראַמע פון די דייטשע סוחרים און פאַבריקאַנטען: „אַז מענשען, וואָס האָבען געקענט שיקען אַזאַ טעלעגראַמע, האָבען נאָר געדינט זייער אייגענעם עגאָאיזם".

ווייטער בעמיהען זיך יענע העררען, אויסצומישען אין איינעם אַנאַר־חיסטען מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטען. איך וויל זיך ניט יעצט אַריינלאָזען אין טיפע חקירות און בעווייזען דעם אונטערשייד צווישען דער תורה און די מיינונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרחיסטען, איך וויל נאָר אויף דעם פאַקט אָנווייזען, אַז אין אַללע קולטורנע און געבילדעטע לענדער האָבען די פאָרשטעהער פון די ביידע פּאַרטייען איינער דעם אַנדערן זעהר שטאַרק פיינד. פון דעם קען יעדער מענש זיך איבערצייגען, אַז סאָציאַל־דעמאָקראַ־טען מיט אַנאַרחיסטען האָבען קיין שום שייכות ניט, די אַנאַרחיסטען האַלטען פאַר זייערע גייסטיגע פיהרער פּרודאָן, מאַקס שטירנער, באַקונין א. ז. וו., אָבער אונזערע גייסטיגע פיהרער זענען: מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל, וואָס זענען פּונקט דער הפך פון יענע. עס איז שווער צו געפינען אַ זעלבע צוויי געגנערס מיט פערקעהרטע מיינונגען, ווי באַקונין, וועלכען מען קען אָנרו־פען: „דער פאָטער פון דער כח־פּראָפּאַגאַנדע" (וועלכע הייסט: מיט גוואַלד אויסצופיהרען וואָס מען וויל), און מאַרקס, וועלכער איז אַ שונא פון אַללע פּאָליטישע בונטען און מאָרדערייען. באַקונין—דער פאָרשטעהער פון דעם גרעסטען אינדיווידואַליזם (דאָס הייסט: פון דעם איינצעלנען, דהיינו, אַז יעדער איינציגער מענש ווערט גערעכענט פאַר אַ גרויסע קראַפט) און דאַגעגען קאַרל מאַרקס און ענגעלס. וועלכע האַלטען, אַז די קראַפט פון איינצעלנע פּערזאָנען איז גאַנץ שוואַך און בעגרענעצט, סיי צו גוטען סיי צו בייזען. דער כח פון איינצעלנע פּערזאָנען האָט נאָר אַזוי פיעל אַ ווערטה, ווי פיעל ער קען ווירקען פאַר'ן טובת הכלל און פאַר די אינטערעסען פון דער גאַנצער פּאַרטיי.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען לעגען ניט קיין גרויסען ווערטה אויפ'ן פּרט. זיי האַלטען: דער איינציגער מענש קען נאָר אַזוי וויט שאַדען אָדער נוצען וויא וויט ער איז אַ פאָרשטעהער פון אַ גאַנצער קלאַסע דאַרף מען אַ גרעסערן מענשען, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען געהאַט דאָס רעכט אַזוי פיינד צו

האָבען, ווי ביסמאַרק? פונדעסטוועגען געפינען מיר ניט אין דער גאַנצער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור קיין שום רֶמֶז דאַרויף, אַז פּטור צו ווערן פאָן
דיזען מענשען וואָלט פאַר אונז זעהר ניצליך געווען. ביי אונז זענען אַ זעלבע
געדאַנקען קיינמאָל ניט פאָרגעקומען.

דער הויפּטגעדאַנק וועגען דער גאַנץ שוואַכער ראָליע פון איינצענלע
פערזאָנען אין דער היסטאָריע, מאַכט דעם אונטערשייד צווישען אונז און די
אַנאַרחיסטען.

די אַנאַרחיסטען לעגען צופיעל געוויכט אויפ'ן ווערטה פון איינצענלע אין
דער היסטאָריע. אין די אויערן פון שטאַרק בעגרענעצטע, לייכט אויפגע־
רייצטע מענשען, קלינגט דער געדאַנקען פון אינדיווידואַליזם זעהר שטאַרק,
און עס בילדעט זיך ביי זיי אַ פאַלשע מיינונג, אַז עס איז נעטהיג אומצוברענגען
איינציגע מענשען, וואָס זענען, לויט זייער מיינונג, פעראַנטוואָרטליך פאַר
די מענשליכע צרות.

ווען לוקעני וואָלט ניט געווען דורכגענומען מיט דעם משוגענעם גע־
דאַנק, ווי אַזוי וואָלט ער געקענט אַזוי מערדעריש הרגה'נען אַ פרויענצימער,
וואָס האָט קיינמאָל ניט געשפּיעלט קיין פּאָליטישע ראָליע, וואָס האָט זיך
שטענדיג דערווייטערט פון אַללע פּאָליטישע עִנְיָנִים, און האָט קיינמאָל קיין
דעה ניט געוואָלט האָבען אין לאַנד? אַ פרויענצימער, וואָס האָט איינגעפליעסט
אין יעדען איינציגען אַ עהרענגעפיהל צו איהרע גייסטיגע הויכע מעלות, און
וואָס האָט פערשטאַנען צו שעצען דעם גרויסען פּאעט ה י י נ ע, אַזוי ווי עס
פערשטעהען איהם צו שעצען טאַקי נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטען (בראַוואָ!).

עס וואָלט אָבער געווען זעהר אונרעכט, צו בעשולדיגען אַללע אַנאַר־
חיסטען פאַר אַ זעלבע פערברעכען. עס איז דאָך צו בעוואונדערען, צום ביי־
שפּיל, אַז די אַנאַרחיסטישע צייטונג „סאָציאַליסט" האַלט אונז גאָר פאַר רע־
אַקציאָנערען, פאַר צ ו ר י ק־געהער.

די מיינונג פון „סאָציאַליסט" וועגען לוקעני'ס אַטענטאַט איז געווען
זעהר אָהן טאַקט. איך קען מיך וועטען, אַז אויב מען וועט אַמאָל אין
פּאַרלאַמענט פאָרלעגען אַ אונגעוועהנליך שטרענג געזעץ געגען די אַנאַר־
חיסטען, וועט מען זיך געוויס סומך זיין אויף יענער מיינונג.

מיר גלויבען שטאַרק אין דעם געזעץ פון פּראָגרעס; מיר גלויבען, אַז
אַלץ געהט פאָרווערטס, ענטוויקעלט און פערבעסערט זיך. לויט דעם געזעץ
קען קיין זאַך ניט ווערען אויף אַמאָל, נור ביסלעכווייז. ווי נאַטירליך עס
איז דער פערלאַנג פון די אַרבייטער, זיך ווי אַם געשווינדסטען צו בעפרייען
פון דעם עקאָנאָמישען קלעם, מוזען מיר דאָך פערשטעהן, אַז אונזער ציעל
וועלען מיר נאָר דאַמאָלס דערגרייכען, ווען די אַלגעמיינע ענטוויקעלונג
וועט אַזוי ווייט קומען, אַז מיר וועלען זיין אים שטאַנד, איבערצומאַכען
די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. דער אָרגאַניזירטער שטרייט פון די
אַרבייטער איז אונז נאָר אַ מיטעל, צוהעלפען דעם גאַנג פון דער ענט־

וויקלונג. אין דער הינזיכט קענען און דארפען מיר בעטראכטען פאר שונאים יענע שטארקע פערזאנען, וואס טרעטען ארויס קעגען אונז; מיר וועלען זיך מיט אללע קרעפטען בעמיהען זיי צו מנצח זיין; אבער קיינמאל וועלען מיר נים גלויבען, אז דאס פערניכטען זייער פערזאן קען ברענגען נוצען פאר אונזער זאך. דערמיט קענען מיר נאר שאדען און געבען א איבערגעוויכט דער פינסטערער פארטיי. מיר זעהען דאך, וואס עס איז ארויס געקומען פון די פאליטישע מערדערייען אין איטליען, פראנקרייך, בעלגיען, דייטש=לאנד, א. ז. וו.

אונזער געגנער — די בורזשואזיע, האבען אם ווייניגסטען דאס רעכט, צו פיינד האבען די אנארכיסטען. די בלינדע אמונה, אז איינציגע הויכ=געשטעלטע פערזאנען האבען אזא קראפט, צו ווירקען אויף דעם גאנג פון דער היסטאריע, שטאמט דאך געוויס פון דער בורזשואזיער קלאסע (גאנץ ריכטיג!).

ביי מיר איז דא א צעטיל פון די אטענטאטען, וואס זענען געשעהען אין די לעצטע יאהרהונדערט. מען קען נישט זאגען, אז דאס צעטיל איז איבערהויפט רייך אין מערדערייען, אבער פונדעסטוועגען בין איך געווען גאנץ איבערראשט פון דער גרויסער צאהל אטענטאטען, וואס האבען זיך פערלאפען אין דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט. פון זיי וועלען מיר דער=מאנען די דאזיגע: אויף דעם פראנצעזישען קעניג היינריך דעם דריטטען אין 1589 — דורך א דאמיניקאנישען גלח; אויף היינריך דעם פירטען אין 1610 — דורך א לעהרער ראוואליאק; דער ענגלישער קעניג קארל דער ערשטער איז געטוידט געווארען אויפ׳ן עשאפאט אין קראמוועלס צייט; דער פאפסט קלעמענס דער פערצעהנטע, איז פערגיפטעט געווארען אין יאהר 1773 דורך יעזואיטען, ווייל ער האט פערניכטעט זייער חברה; אויף לודוויג דעם 15=טען איז געמאכט געווארען אנ׳אטענטאט אין 1787 דורך דאמיען; אויף דעם שוועדישען קעניג גוסטאוו דעם דריטטען — אין 1792 דורך דעם גראף אנקארשטראם; אויף נאפאלעאן דעם ערשטען איז געמאכט געווארען א׳נ׳אטענטאט מיט א שרעקליכער מאשינע אין יאהר 1800, נאך ווען ער איז געווען א קאנסול, און אין 1809 — נאך א מאל דורך א דייטש מיט׳ן נאמען שטאפס; אויף קאטצעבו, א רוסישער שפיאן, איז געמאכט געווארען א׳נ׳אטענטאט אין יאהר 1819 דורך א סטודענט לודוויג זאנד אין מאנגהיים.

אינטערעסאנט איז צו דערמאנען דא דעם איינדרוק, וואס האט גע=מאכט דער לעצטער מארד אויף דער דייטשער בורזשואזיע און אויף די דייטשע סטודענטען. עס האט זיך זאגאר געפונען א פראפעססאר אין בערלין, דע=וועטטע, וואס האט געהאלטען פאר א חוב צו שיקען א טרייסט=בריעף זאנד׳ס מוטטער.

פון די איבריגע אטענטאטען וועלען מיר דא דערמאנען דעם אטענ=

טאַט אויף דעם בעררישען הערצאָג אין 1820 יאָהר דורך לאַוועל. אויף
דעם פֿראַנצעזישען קעניג לואי=פיליפ איז געמאַכט געוואָרען זיבען אַטענ=
טאַטען. ביי איינעם פֿון זיי, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דורך פֿיסעקי אין
יאָהר 1835, זענען גע'הרגת געוואָרען 14 מענשען, און דאַרונטער אויך
מאַרשאַל מאָרטיע; פֿרידריך ווילהעלם דעם פֿירטען האָט מען צוויי מאָל
געוואָלט הרגה'נען: דער בורגמייסטער טשעך אין יאָהר 1845, און דער
פֿייער=ווערקער עספֿעלאָגסי אין יאָהר 1850; דעם עסטרייכישען קעניג פֿראַנץ=
יאָזעף האָט מען געוואָלט אומבריינגען אין 1849 און 1853 יאָהר; אויפֿ'ן
מיניסטער גראַף ראָססי איז געשעהן אַ'נ'אַטענטאַט אין 1848 אין רומי;
אויפֿ'ן הערצאָג קאַרל פֿון פֿאַרמאַ — אין 1854 יאָהר; אויף פֿערדינאַנד
דעם דריטען — אין 1856 יאָהר; אויף נאַפּאָלעאָן דעם דריטען איז
געשעהן דריי אַטענטאַטען, 2 אין 1855=טען יאָהר און דער בעוואוסטער
אַטענטאַט פֿון ראָסיני אין יאָהר 1858, ביי וועלכען עס זענען גע'הרגה'ת
און פֿערוואונדעט געוואָרען 137 פערזאָנען. אויך האָט מען 2 מאָל געוואָלט
אומבריינגען ווילהעלם דעם ערשטען — דאָס ערשטע מאָל דורך בעקקער
אין יאָהר 1861 אין באַדען=באַדען, דאָס צווייטע מאָל דורך גערעל און
נאָבילינג אין יאָהר 1878 אברהם לינקאָלן, דער אַמעריקאַנישער פרעזידענט,
איז ערמאָרדעט געוואָרען אין 1865 יאָהר דורך אַ'נ'אַקטיאָר בוטס. דעם
גענעראַל פֿרים האָט מען געוואָלט אומבריינגען אין יאָהר 1870. אויף
ביסמאַרקען האָט קאָגען=בלינד געמאַכט אַנ'אַטענטאַט אין 1866=טען יאָהר און
קולמאַן — אין 1874. אין יאָהר 1882 האָט מען געוואָלט אומבריינגען
דעם לאָרד קאַווענדיש, וויצע=קעניג פֿון אירלאַנד; אין 1856 האָט אַ גלח
געוואָלט דערמאָרדען איזאַבעלען די שפּאַנישע קעניגין; וויקטאָריען, די
ענגלישע קעניגין האָט מען 4 מאָל געוואָלט הרגה'נען אין 1840, 1842,
1872 און 1882=טען יאָהר, און דערביי בעדאַרפֿען מיר אַנמערקען, אַז די
אַללע 4 אַטענטאַטען האָבען נישט געבראַכט דערצו, מען זאָל איינפֿיהרען
נייע אויסשליסליכע געזעצע אָדער איבערמאַכען די אַלטע. אין 1863 יאָהר
איז געשעהן אַנ'אַטענטאַט אויפֿ'ן סערבישען קעניג מיחאַיל דעם דריטען.
אין 1878 האָט פּאַסאָנאַנטע געוואָלט אומבריינגען דעם איטאַליענישען קעניג
הומבערט; אין 1888 האָט דאָסזעלבע געטראָפֿען גאַרפֿילדען, פרעזידענט
אין אַמעריקאַ; אין 1889 האָט מען געוואָלט הרגהענען קריספּי'ן; אין 1891
איז ערמאָרדערט געוואָרען דער באָלגאַרישער מיניסטער ביעלטשעוו, ווייל
מ'האָט געמיינט, אַז דאָס איז סטאַמבולאָוו; אין 1895 יאָהר האָט מען
סטאַמבולאָווען גע'הרגת; אין 1894 האָט קאַזעריע געמאַכט אַנ'אַטענטאַט
אויף קאַרנאָ, פרעזידענט פֿון פֿראַנקרייך; אין יאָהר 1897 איז דאָסזעלבע
געשעהען דעם שפּאַנישען מיניסטער=פּרעזידענט קאַנאָוואַ. אין דעמזעלבען
יאָהר האָט מען געוואָלט אומבריינגען דעם גריכישען קעניג; אין 1898 האָט
לוקעני דערמאָרדעט די עסטרייכישע קעניגין.

וועגען די פּאָליטישע מערדערייען וואָס זענען געשעהען אין טירקיי, פּערסיען און דרום־אַמעריקאַ, ווייל איך נאָר פאָרבייגעהענדיג דערמאָנען.

עס איז מערקווירדיג צו הערען די מיינונג פון געוועהנליכע בעלי־בתים וועגען דעם אַטענטאַט, וואָס קאָגען־בלינד האָט געמאַכט אויף ביסמאַרקען אין יאָהר 1866. האָפּף, דער ווירטעמבערגער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, האָט געשריבען דאַריבער אין „גראַדאויס" מיט אַזאַ לשון: „כל זמן דייטשלאַנד קען צעהלען צווישען איהרע קינדער אַזעלכע יונגלאַך (ווי קאָגען־בלינד), איז זי נאָך ניט אָרעם".

מאַריע קורץ האָט בעזונגען אין אַ ליעד די מעשה פון קאָגען־בלינד. אין אַ מינכענער הומאָריסטישע (ליצנות) צייטונג איז דאַמאָלס געווען געדרוקט אַזאַ מין קאַרריקאַטור־בילד: דער טייוועל וואַרפט זיך אויף קאָגען־בלינד און רייסט אַרוים פון זיינע הענד דעם רעוואָלווער, זאָגענדיג: „האַלט! ער געהער צו מיר!" (געלעכטער).

דעם 8 דעצעמבער 1856 האט דער זעלנער מילאַנאָ געמאַכט דעם אַטענטאַט אויף פערדינאַנד 2, קעניג פון נעאַפּאָל, וועלכען מען האָט גערופען, וועגען זיין באָמבאַרדירען די שטאָדט: „קעניג־באָמבאַ". דער פערברעכער איז דערשאָסען געוואָרען, לויט ווי דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט. נאָר בשעת גאַריבאַלדי מיט וויקטאָר עמנואל האָבען אַרויסגעטריבען די בורבאָנען פון נעאַפּאָל, האט ער (גאַריבאַלדי) אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, צו געבען מילאַנאָ'ס מוטער „צום אָנדענקונג פון זיין הייליגען נאָמען" אַ מאָנאַטליכע פענסיע פון 30 דוקאַטען, און זיינע שוועסטערן — צו 2000 דוקאַטען נדן. דער דאָזיגער בעפעהל איז געוואָרען זעהר פונקטליך אויסגעפירט דורך דער נעאַפּאָליטאַנישער רעגירונג.

פאַר'ן היסטאָרישען גאַנג זענען די אַללע אַטענטאַטען געווען גאָר אָהן אַ נוצען; זיי האָבען קיין גרויסען איינדרוק ניט געמאַכט, אַלצדינג האָט זיך וויטער געפיהרט ווי פריהער.

וואָס האָבען געפועל'ט די שטאַרקע פּאָליטישע רציחות און דאָס אויסמאָרדען די טיראַנען אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצעזישער רעוואָליציע? לודוויג דער זעכצענטער איז געווים געוועזען אַ אומשילדיגער, און דאָך האָט ער, און נאָך איהם אויך מאַריאַ אַנטואַנעטאַ, געמוזט לעגען זייערע קעפּ אויף דער גיליאָטינע; הונדערטער הויפלייט און גייסטליכע האָט דאָס זעלבע שיקזאַל געטראָפען. אָבער דאָס גאַנצע בלוטפערגיסען, די אַללע מערדערייען האָבען ניט געקענט צוריקהאַלטען די מאָנאַרחיסטען צו גרינדען אַ נייע מאָנאַרחיע, און די גלחים זיי זאָלען שטייגען נאָך העכער. נאָר איין זאַך האָבען די בורבאָנען ניט געקענט מבטל צו זיין, נאָך זייער צוריקקעהרען אין פראַנקרייך, חאָטש זיי האָבען געהאַט אויף זייער זייט אַלע רעגירונגען פון אייראָפּאַ: זיי האָבען שוין ניט געקענט צוריק איבערמאַכען די נייע סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס די גרויסע רעוואָלוציע האָט געמאַכט. די־

נייע אָרדנונג איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט צוטיילט די גיטער פֿון די עטנלאָפֿענע מיוחסים און די גייסטליכֿע צווישען מיליאָנען אָרעמע פויערים, און אין די אויסגעצייכֿענטע בירגערליכֿע געזעצען, וואָס דינען נאָך יעצט אַלס מוסטער פֿאַר אַלע געבילדעטע און פּראָגרעסיווע לענדער אין איירָאָפּאַ.

די דאָזיגע נייע געזעצע האָבען געגעבען אַ טויטקלאַפּ דעם יחוס און אַריסטאָקראַטיע. אין 13 יאָהר אַרום האָבען די בורבאָנען נאָך אַמאָל געמוזט פֿערלאָזען פֿראַנקרייך — אויף אייביג.

מען בעדאַרף איבערמאַכֿען די יסודות פֿון דער סאָציאַלער אָרדנונג, מען בעדאַרף פּאָליטיש אומענדערן די אָרדנונג פֿון לאַנד און די קעפּ פֿון די געגנערס קען מען לאָזען צורוה (קולות: זעהר גוט!).

מיר לייקענען נישט, אַז עס איז דאָ אַנאַרחיסטען וואָס מאַכֿען אַטענטאַטען. קאַזעריאָ'ס און לוקעני'ס אַטענטאַטען האָבען אַ ריין-אַנאַרחיסטישען חאַראַקטער. נאָר דערפֿון איז ניט געדרונגען, אַז אונטער לוקעני'ס רוקען זענען ניט געשטאַנען אַזעלכֿע מענשען, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט זיין שוואַכֿען חאַראַקטער, און האָבען איהם ארויפֿגעפֿיהרט אויף זיין שרעקליכֿען פּלאַן.

לאָמיר נאָר אַ קוק טהון וויא פֿיל פּאָליציי-אַגענטען האָבען גענומען אַ טהייל אין די אַטענטאַטען און בונטען, וואָס זענען געשעהען אין די לעצטע יאַהרהונדערט. בשעת ביסמאַרק איז געווען אין פֿראַנקפֿורט-אַם-מיין, האָט ער פֿון דאָרט געשריבען צו זיין ווייב: „די פּאָליצי-אַגענטען זענען שטאַרקע ליגנער, און אַז עס פֿעהלט זיי מאַטעריאַל, בלאָזען זיי אַללעס אויף". יענע אַגענטען זענען בעשטימט אויפֿצוזוכֿען אויסגעטראַכֿטע אַטענטאַטען. און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַזעלכֿע אַגענטען טראַכֿטען זיך גאָר: „אויב אַנדערע מענשען מאַכֿען ניט קיין פּאָליטישען פֿערברעך, לאָמיר זיי צוהעלפֿען דערצו". עס ליגט אין זייער אינטערעס, אָנצומאַכֿען גערודערס און אומגליקען אין לאַנד, כדי זיי זאָלען האָבען וואָס צו מעלדען, און ווייזען, אַז זיי זענען טאַקי ניצליך פֿאַר דער מדינה. עס איז גענוג צו דערמאָנען די ערינערונגען פֿון דעם געוועזענעם פּאַריזער פּאָליציי-פּרעפֿעקט אַנדריע, וועלכֿער האָט פֿערשטאָנדען אויגען זיך צו בעריהמען, אַז ער האַלט אויף — אויף פּאָליציי-קאָסטען — אַנאַרחיסטישע שריפֿטען און צייטונגען, און ער מאַכֿט גאָר אַטענטאַטען — אַליין מיט דעם צוועק, צו האַלטען אין דער מורא די בורזשואַזיע מיט דער בעל-בתישער קלאַסע. דיזעלבע ראָליע האָט געשפּילט אין לאָנדאָן דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר מעלוויל. אויך אין די אַטענטאַטען וואָס זענען געשעהען אין אירלאַנד, האָט די פּאָליציי געהאַט אַ חלק — דאָס איז קלאָר בעוויזען געוואָרען אין פּאַרנעללס פּראָצעס.

עס איז אַלעמען בעקאַנט די געמיינהייטען פֿון דעם בעוואוסטען שווינדלער פּורבע אין בעלגיען: דער מיניסטער בערנאַרד אַליין האָט געמוזט

מודה זיין אין פאַרלאַמענט, אַז פורבע האָט געקריגען געהאַלט, ער זאָל פּאָב־
ריצירען אַטענטאַטען און פּאָליטישע פערברעכען, כדי גירעכט און כשר צו
מאַכען די שטרענגע מיטלען געגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אויך פון דעם
באַראָן אונגערן־שטערנבערג איז אַרונטערגעריסען געוואָרען די מאַסקע ביי׳ם
אַנאַרחיסטישען פּראָצעס אין לוטטין. איך אַליין האָב פיעל מאָל אַראָפּגעריי־
סען די מאסקע פון אַזעלכע אַגענטען. צווישען זיי בעגעגענען מיר דעם גע־
וויסען שרעדער־ברענוואַלד אין ציריך, דער בעוואוסטער וואוילער יונג, וואָס
האָט בעקומען פון דעם פּאָליציי־בעאַמטען קרוגער 200 און 250 מאַרק מאָ־
נאַטליך ער זאָל דרשנ׳ען זיינע בעוואוסטע דרשות, אויפצורייצען דעם עולם,
כדי די שווייצאַרישע רעגירונג זאָל איהם ניט קענען ארויסטרייבען, האָט ער
זיך קודם כל פערשריבען פאַר אַ שווייצאַרישען בירגער, עם פערשטעהט זיך,
פאַר פּרייסיש געלד (געלעכטער). שרעדער און דער אַנאַרחיסט־פּאָליציי־
בעאַמטער קויפמאַן האָבען בעשלאָסען אויף אַנ׳אַסיפה אין ציריך אין יאָהר
1883 אויסצופיהרען געוויסע פּאָליטישע רציחות אין וויען, שטוטגאַרט און
שטראַסבורג, וואָס איז נאָכדעם ווירקליך געשעהען, דורך שטעלמאַכער, קאַ־
מערער און קומיטש. איך האָב ניט געהערט, אַז די געמיינע פערדאָרבענע
אַגענטען זאָלען מעלדען אין דער פּאָליציי, ווער ס׳האָט בעשאַפען דעם פּלאַן
פון יענע מערדערייען. די פערברעכער זענען פערמשפּט געוואָרען אויף קאַ־
טאָרזש׳נע אַרבייט. בשעת מאָסט איז געזעסען אין געפענגנים, האָט שרעדער
אַרויסגעגעבען אויף זיינע מיטלען די צייטונג „פרייהייט" אין שאַפהויזען. דאָס
געלט האָט ער געוויס ניט פון זיין טאַש גענומען.

דאַרף מען נאָך מעהר בעווייזען די פאַלשקייט פון די פּאָליציי־אַגענטען,
ווי די מעשה מיט דעם פאָלקאָווניק עהרענבערג פון באַדען? איהם האָט מען
געפּאַקט כמעט ביי דער האַנד, בשעת ער האָט ארויסגעגעבען דעם איטאַ־
ליענישען גענעראַלשטאַב דעם פּלאַן פון די שווייצאַרישע פעסטונגען אויף סט.
גוטהאַרד. נאָכדעם איז מען דערגאַנגען, אַז ער איז געווען אַ נ׳אַגענט פון
דער פּרייסישער פּאָליציי. ער האָט געמאַכט פאָרמאַלנע פּראָטאָקאָלען און האָט
עצות געהאַלטען מיט די פאָרשטעהער פון אונזער פּאַרטיי — און דאַרונטער
אויך מיט מיר. אָבער ביי דער אונטערזוכונג, האָט ער די גאַנצע שולד
אַרויפגעוואָרפען אויף אונז. אַזוי האָט ער געוואָלט די עדות מאַכען פאַר פער־
ברעכער. דאָס איז גוט, אַז עס איז אונז געראָטהען אַללעס אויסצווייזען,
וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען מיר וואָלטען דעם אמת ניט געקענט בעווייזען?
ער האָט, צום ביישפּיל, מיר געוואָלט איינרעדען, אַז עס איז ניטאָ קיין
גרינגערע זאַך, ווי געוואָר צו ווערען די אַדרעסען פון אַללע גרויסע קריעגס־
לייט אין דייטשלאַנד און אַרויסשיקען ביי נאַכט עטליכע פון אונזערע לייט,
אומברייינגען אַללע גרעסטע דייטשע אָפיצערען (אַ גערודער אין דער פערזאַמ־
לונג). אָבער אין זיין פּראָטאָקאָל זאָגט ער, אַז דאָס איז גאָר געווען מיין
פּלאַן. אין דער ציריכער „אַרבייטערשטיממע" רעדט ער אַרום גאַנץ קלאָר

דעם פּלאַן, צו שטרייטען אין די גאַסען מיט דער אַרטיללעריע און קאַוואַ-לעריע. אויף די אסיפות האָט ער גאָר פאָרגעלעגט, מען זאָל צוזאַמען נעה-מען געלד אויף געוועהר פאַר אונזערע מענשען. ער האָט געגעבען עצות, אַז ווען עס וועט זיין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך, זאָלען אונזערע מענשען אַריינפאַלען אין באַדען און ווירטעמבורג, און אַרויסרייסען דאָרט די שינעס פון די אייזענבאַהנען און אַרעסטירען די פּאָסט קאַססעס. און אַזעלכער, וואָס האָט אַזעלכע עצות געגעבען, איז געווען אויף אַ שטעלע ביי דער פּרייסישער פּאָליציי (הערט!).

אַ פּאָליציי-אַגענט איז אויך געווען דער בעוואוסטער פרידעמאַן, וועלכער איז פערטריבען געוואָרען פון בערלין און מיט זיינע ליעדער און פּראָזא האָט ער אויפגערייצט די ציריכער פּאַרטיי. — ניט ווייט פון באַזעל האָט מען אַרעסטירט אַ געוויסען בלעכער ווייס, וואָס האָט רעוואָלוציאָנערע פּלאַקאַטען געקלעפּט. נאָכדעם איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז דער ווייס איז גאָר געווען אַ פּאָליציי-אַגענט.

אַ געוויסער שמידט, וואָס איז אַנטלאָפען פון דרעזדען, ווייל ער האָט דאָרט גרויסע שווינדלען געמאַכט, איז געקומען אין ציריך און האָט דאָרט פערברייט די אידעע, אַז מען בעדאַרף גרינדען אַ פאָנד פאַר פּאָליטישע פער-ברעכער, ער אַליין האָט אַריינגעטראָגען די ערשטע נדבה 20 פראַנק. דער-נאָך איז מען דערגאַנגען, אַז ער איז געווען אַ פּאָליציי-אַגענט (געלעכטער). און דער בערלינער סישטשיק פון דער געהיים-פּאָליציי, אירינג-מאַלאָוו, האָט גאָר פאָרגעלעגט. אַז ער איז גרייט צו געבען לעקציעס, ווי אַזוי צו מאַכען באָמבעס, ווייל דורך פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען געהען די זאַכען זעהר לאַנג-זאַם (געלעכטער).

דאָס וואָס איך דערצייל דאָ, איז ניט קיין בבא-מעשה און ניט קיין שפּאַס; איך קען דאָס צו יעדער צייט בעווייזען. אַלזאָ האָבען מיר דענן ניט דאָס רעכט, צו פרעגען: ווער איז באמת שולדיג אין דעם זשענעווער שרעק-ליכען פערברעך? אמת, לוקעני איז אַנ'אַרחיסט אָבער דאָס איז אַ מענש וואָס איז, אַזוי ווי נאָבילינג, פון קינדווייז אָן אויפגעוואָקסען ווילד, פערדאָרבען, אָהן ערציהונג, אונטער דעם איינפלוס פון אומגליקליכע לעבענסבעדינגונגען. ער האָט ניט געוואוסט ווער זיין טאַטע איז געווען, אַלס קינד איז ער אויפ-געצויגען געוואָרען אין אַ קינדער קלויסטער, נאָכדעם איז ער אויפגעוואַקסען אָהן אַ שום השגחה, און פון 10 יאָהר אָן האָט ער שוין געמוזט האָרעווען, צו פערדיגען אַ שטיקעל ברויט מיט אַלע מיטלען וואָס זענען נאָר מעגליך געווען, ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה, ער זאָל קענען טהון אַזאַ שרעקליכע משוגענע מערדריי. אָבער האָט ער דאָס געטהון מיט זיין אייגע-נעם ווילען, אָדער אַנדערע האָבען איהם דערצו אָנגערעדט? דאָס איז אַ שטאַרקע פראַגע.

אַ לאַנגע צייט פֿריהער, איידער לוקעני האָט ערמאָרדעט די עסטרייכֿישע קייזערין, האָבען זיך שוין געפֿונען אין זשענעווע און אין גאַנץ שווייצאַריען איטאַליענישע פּאָליציי=אַגענטען, וועלכֿע זענען געווען בעקאַנט מיט זייער שמוטציגער פֿערגאַנגענהייט און געגענוואַרט, ווי סאַנטאָראָ, מאַנטיקאָ, בענעדיקטי און נאָך אַזעלכֿע.—נאָך לוקעניוס פּראָצעס האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזען, אַז זשענעווע איז פֿול פֿון אַזעלכֿע איטאַליענישע געהיים=פּאָליציסטען.

דאַרף מען זיך נאָך וואונדערן, אַז אונזער צייטונג „טאַגוואַכֿט" האָט גאָר קיין שטראָף נישט בעקומען דערפֿאַר, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט פּשוט דעם אֶמת קורץ און שאַרף, אַז אין לוקעני'ס פֿערברעך זענען נאָר שולדיג די איטאַליענישע פּאָליציי=אַגענטען? די גאַנצע וועלט קען און וויים, צו וואָס די קלאַסע מענשען זענען פֿעהיג, און אויף זיי איז אַלץ צו גלויבען. ווער איז, צום בייספּיל, יענער סאַנטאָראָ? ער איז געווען אַ פּאָליציי=קאָמיסאַר אין פֿלאָרענץ. אין יאָהר 1891 האָט מען אָנגעהויבען אין איטאַליען אונטערצוואַרפֿען באָמבעס. איינמאָל ביי נאַכֿט האָט מען אין פֿלאָרענץ אַרעסטירט אַ פֿערדעכֿטיגען מענשען, וואָס האָט געהאַלטען עפּעס בעהאַלטען אונטער'ן פּלאַשץ. דאָס „עפּעס" איז געוועזען אַ באָמבע, אָבער דער פּלאַשץ, אונטער וועלכֿען עס איז געלעגען פֿערבאָרגען די באָמבע האָט געהערט... סאַנטאָראָ'ן (געלעכֿטער). דער אַרעסטירטער, דע=אַנזשעלי, איז פֿערפֿוילט געוואָרען אין אָסטראָג. און סאַנטאָראָ האָט בעקומען, דורך קריספּי'ס פּראָטעקציע, אַ שטעלע אַלס דירעקטאָר פֿון דער פֿערבעסערונגס קאָלאָניע פּאָרטאָ=ערקאָלע. דאָרט האָט ער זיך אַזוי מערדעריש בעגאַנגען מיט די אַרעסטאַנטען, אַז אַ סך פֿון זיי זענען אונטער זיינע הענד אומגעקומען. אָדער פֿון הונגער געשטאָרבען, ער האָט זיי בע'גנב'ת, צו גענומען זייער עסען און פֿערבאָרגען פֿון זיי דאָס וואָס זייערע קרובים האָבען זיי געבראַכֿט. אַז מען האָט זיך דערוואוסט, ווי אַזוי ער איז זיך בעגאַנגען מיט די אונגליקליכֿע, האָט מען איהם אָבגעזאָגט פֿון זיין שטעלע, דעמאָלט האָט ער אָנגעהייבען אויסצוזאָגען פֿון חדר און די וועלט איז געוואָהר געוואָרען פֿון קריספּי'ס געמיינהייטען. געענדיגט האָט זיך דערמיט, וואָס מען האָט איהם פֿעראורטיילט אויף 8 יאָהר געפֿענגניס. אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט, און איז נאָך אַ מאָל אָנגענומען געוואָרען אין דער איטאַליענישער פּאָליציי אַלס בעאַמטער (געלעכֿטער). אָבער אין שווייצאַריען האָט ער זיך שטאַרק בעשמוצט מיט פֿערשידענע פֿערברעכֿען, און ער זיצט איצט פֿעראורטיילט אין געפֿענגניס.

אויך דער אַטענטאַט, וואָס איז געשעהען אין עגיפּטען, איז געמאַכֿט געוואָרען מיט הילף פֿון דער איטאַליענישער פּאָליציי.

די איטליענישע אַרבייטער, וועלכֿע זענען זעהר געדריקט, זענען אַ גאַנץ גוט מאַטעריאַל פֿאַר די פּאָליציי אַגענטען, אויסצופֿיהרען דורך זיי זייערע אונפֿערשעמטע פּלענער. אין איטאַליען איז קיין זעלטענהייט ניט, אַז דער אָרעמער אַרבייטער זאָל פּראָסט אויסגעהן פֿאַר הונגער. די אָבגאַבען

זענען דאָרט זעהר פֿיעל. אין דרום־איטאַליען מוז מען אָבצאָהלען שטייער פֿאַר יעדע קילאָ ברויט 18 סענט (15 קאָפּ'), די בעלוינונג פֿאַר דער ארבייט איז זעהר אַ קאַרגע, די בעדינגונגען פֿון דער ערד־אַרבייט זענען שרעקליך, גרויסע שטיקער ערד בלייבען ניט בעאַרבייט; די גוטס־בעזיטצער, די אַריסטאָקראַטען און בורזשוא זענען זעהר פֿויל און פֿערשווענדען אין די גרויסע שענע שטעדט דאָס געלד, וואָס זיי קוועטשען אויס פֿון די אַרבייטער־אַרענדאַטאָרען. דער פּויער קרעכצט אונטער דעם שווערען יאָך פֿון די אַרענדע־בעדינגונגען. די ערד־אָבגאַבען ברענגען דער רעגירונג 300 מיליאָן פֿראַנק יעהרליך, און דאָס מוזען נעבאַך די אָרעמע פּויערען און אַרענדאַטאָרען אויסצאָהלען.

אַז מיר וועלען די אַללע בעדינגונגען בעטראַכטען, וועלען מיר ריכטיג פֿערשטעהען, ווער איז באמת שולדיג אין די אַטענטאַטען. גאַנץ נאָהנט פֿון דער הייליגער שטאָט רומי, דער אַלטער מיטעלפּונקט פֿון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, געפֿינען זיך די פּאָנטישע בלאָטעס, וואָס געבען פֿון זיך אַרויס אַ שרעקליכען געשטאַנק און פֿערניכטען אַלעס לעבען. אָבער די איטאַליענישע רעגירונג האָט ניט קיין געלד, איבערצואַרבעטען זיי אין בליהענדע תּבואה־פֿעלדער. דערפֿאַר שינדט מען דאָרט די הויט פֿון די אָרעמע אַרבייטער, און מען קלויבט צו זאַמען הונדערטער מיליאָנען אויפֿצוהאַלטען די אַרמעע און די פֿלאָטע.

ביי אַ זעלכע שרעקליכע עוולות און מערדערישע פֿיהרונג, האָט איטאַליע אַם ווענינסטען דאָס רעכט, צוזאַמען צורופֿען אַ קאָנפֿערענץ געגען די אַנאַרכיסטען. אויב מען דאַרף איבערצען מאַכען פֿעראַנטוואָרטליך, זענען דאָס די איטאַליענישע מיניסטאָרען. זייער אָרט איז אין געפֿענגניס (מען פּאַטשט בראַוואָ)! —

איך האָב געענדיגט, און איך לעג פֿאָר די ווייטעריגע רעזאָלוציע:

די פֿאָלקספֿערזאַמלונג פֿון 2־טען נאָוועמבער 1898 האָט בעשלאָסען, שטאַרק צו פּראָטעסטירען קעגען דער דייטשער רעגירונג, וואָס וויל זיך בענוצען מיט דער רציחה פֿון דער עסטרייכישער קעניגין, איינצופֿיהרען אין דייטשלאַנד אויסשליסליכע שטרענגע געזעצע געגען אונזער פּאַרטיי.

דער געגען־אַנאַרכישער קאָנפֿערענץ, וואָס דאַרף געגרינדעט ווערען דורך בעמיהונג פֿון דער איטאַליענישער רעגירונג, לעגט אונזער פֿערזאַמלונג פֿאָר די פֿראַגע:

פֿאַר וואָס אַלע פֿערברעכער און פּאָליטישע מערדער אין די לעצטע יאָהרען זענען נאָר איטאַליענער, און אַללע איטאַליענער וואָס וואָהנען אין אויסלאַנד זענען בעריהמט פֿאַר מערדער?

אונזער פֿערזאַמלונג פֿאָדערט פֿון די מיטגלידער אויפֿ'ן קאָנפֿערענץ, צו פֿערלאַנגען פֿון דער איטאַליענישער רעגירונג, אַז זי זאָל פֿערבעסערן די לאַגע פֿון דער אָרעמער אַרבייטסקלאַסע, וועלכע איז שרעקליך פֿערדאָרבען

געוואָרען קערפּערליך און גייסטיג, דורך די גרויסע נויט וואָס זי ליידעט; אויף דער רעגירונג איז אַ חוב צו פֿערניכטען די שרעקליכע טיראַניע און עקספּלאָאַטאַציע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער איטאַליענישער אָרימאַן איז צו אַלעם פֿעהיג. אַז די אַרבייטקלאַסע וועט האָבען גלייכע רעכטע אין לאַנד, און איהר מאַטעריעלע לאַגע וועט בעססער ווערען, וועט זי אויך גייסטיג פֿערבעסערט ווערען.

אויך פֿערלאַנגט די פֿערזאַמלונג פֿון דער קאָנפֿערענץ, צו ערקלערען, פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל אַנאַרחיסטען, פֿון דעם נידריגסטען און געפֿעהרליכסטען סאָרט, קומען גאָר אַרויס פֿון די, וועלכע זענען ממונה צו היטען דאָס לאַנד, און אַז דאָס איז אַזוי האָבען מיר דאָך גאַנץ גוט בעוויזען, מיט די שריפֿטען פֿון דעם געוועזענעם פּאָליציי פּרעפֿעקט אַנדרעע, מיט דעם וִדוי פֿון ראַוואַשאָל, און די מעשׂות פֿון מעלוויל אין לאָנדאָן, פורבע און שטערענבערג אין בעלגיע, און דורך די חֶפְּצות פֿון די איטאַליענישע פּאָליציי־שפּיאָנען סאַנטאָראָ, מאַנטיקאָ, און נאָך אַנדערע אין שווייץ.

די קאָנפֿערענץ געגען די אַנאַרחיסטען קען נאָר דאַמאָלס זיין ניצליך, ווען די רעגירונגען וועלען ווירקליך וועלען דערגעהען, וואו דער הונד ליגט בעגראָבען און פֿון וואַנען עס שטאַמען אַלע צרות.

(אַ הַסְכָּמָה מיט גרויס רַעש).

די רעוואָלוציע איז פֶּה אֶחָד אָנגענומען געוואָרען.